**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט $13.2 מיליאן געשאנקען פאר שולע טעכנאלאגיע און זיכערהייט פארבעסערונגען**

***48 אינוועסטירונג פלענער באשטעטיגט דורך סמארט סקולס איבערזיכט באורד***

***2 ביליאן דאלאר סמאַרט סקולס באנד געזעץ שטיצט קלאסצימער טעכנאלאגיע, פארבינדונג אין סקולס און היי-טעק סעקיוריטי***

גאווערנער קאטי האקול האט היינט געמאלדן דאס באשטעטיגונג פון 48 סמארט סקולס אינוועסטירונג פלענער קאנצענטרירט אויף איבערקלערן עדיוקעישאן אין אן אויפקומענדיגן עלטער און הייבן שולע זיכערהייט. די באשטעטיגטע פלענער, וואס באטרעפן $13.2 מיליאן, זענען טייל פונעם $2 ביליאן סמארט סקולס באנד געזעץ, א שעפערישע עדיוקעישאן טעכנאלאגיע פראגראם.

"אינוועסטירן אין אונזער קינדער'ס עדיוקעישאן איז קריטיש נישט בלויז צו בויען די גרונטשטיין פאר אינדיווידועלע סוקסעס, נאר צו פארזיכערן אונזערע צוקונפטיגע וועגווייזער זענען צוגעגרייט צו פאראויס רוקן ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סמארט סקולס באנד געזעץ שטיצט שולעס דורכאויס ניו יארק סטעיט אינעם באמיאונג צוצושטעלן סטודענדן מיט א זיכערע, באשיצטע און וואכזאמע סביבה."

די סמארט סקולס איבערזיכט באורד האט זיך לעצטנס געטראפן פאר די 20'טע מאל צו באטראכטן אינוועסטירונג פלענער אריינגעגעבן דורך שולע דיסטריקטס און ספעציעלע עדיוקעישאן שולעס. דער באורד איז צאמגעשטעלט פון דעם ניו יארק סטעיט בודזשעט דירעקטאר, דער טשענסלער פונעם סטעיט איוניווערזיטעט פון ניו יארק, און דער קאמיסיאנער פונעם ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן אפטיילונג.

די פלענער באשטעטיגט דורך דעם באורד זענען אריינגעגעבן געווארן דורך 45 שולע דיסטריקטס און איין ספעציעלע עדיוקעישאן שולע. פראיעקטן רעכענען אריין $7.9 מיליאן פאר היי-טעק זיכערהייט, $4.7 מיליאן פאר קלאסצימער טעכנאלאגיע, $356,000 פאר שולע פארבינדונג, און $275,000 פאר נאן-פאבליק שולע'ס קלאסצימער טעכנאלאגיע און שולע פארבינדונג. אן איבערזיכט פון די פלענער זענען אוועילעבל דא.

די אינוועסטירונגען אויטאריזירט דורך דעם באורד העלפן אין מאדערנעזירין קלאסצימערן און שולע זיכערהייט איבער'ן סטעיט. היי-טעק זיכערהייט געצייג געשטיצט דורך דעם ׳סמאַרט סקוּלס באָנד אקט׳ אריינגערעכנט איינטריט קאנטראל סיסטעמען, ווידעאו סיסטעמען, און עמערדזשענסי קלאסרום נאטיץ סיסטעמען. די אפגרעידס וועלן פארבעסערן די זיכערהייט פון ניו יארק'ס שולעס, העלפנדיג צו פארזיכערן אז סטודענטן קענען לערנען אין א זיכערע סביבה.

נייע איינגעקויפטע טעכנאלאגיע וואס ווערט געשטיצט דורך דעם סמאַרט סקולס באנד געזעץ רעכענען אריין קאמפיוטער סערווערס, אינטעראקטיווע ווייטבאָורדס, טאבלעטן, דעסקטאַפּ און לעפּטאַפּ קאמפיוטערס און שנעלע אינטערנעט סערוויסעס. די געצייג וועלן צושטעלן סטודענטן מיט אן איסוואל פון פארשידענע וועגן צו פארשטיין נייע אינפארמאציע, פארברייטערן סטודענט לערנונג סיי אינעווייניג און אינדרויסן פונעם קלאסצימער, און הייבן עלטערן-לערערין קאמיוניקאציע.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון בודזשעט דירעקטאר ראבערט מעגנע האט געזאגט,** "די סמארט סקולס באנד געזעץ פארזיכערט ניו יארק'ס קלוגסטע פארמעגן, אונזער סטודענטן, צו האבן די געצייג און שטיצע וואס זיי דארפן. סטראטעגישע אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט שולעס זענען אן אינוועסטירונג אינעם צוקונפט פון ניו יארק."

**סטעיט עדיוקעישאן קאמיסיאנער בעטי א. ראזע האט געזאגט,** "די סמארט סקולס באנד געזעץ אינוועסטירונגען זענען קריטיש אין צושטעלן די טעכנאלאגיע צו האלטן פארנומען סטודענטן אין לערנען אפגעזען פון זייער אויפן, און פארבעסערן זיכערהייט סיסטעמען זיי צו האלטן זיכער אינערהאלב זייער שולע געמיינדעס. די גרענט איז וויכטיג אין אונזער טריישאפט צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט אין אונזער סטעיט האט די זעלבע צוטריט צו א הויכע-קוואליטעט עדיוקעישאן."

**סוני טשענסלער דזשאן ב. קינג, דזשוניאר האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג פאר אונזער סטודענטדן צו האבן צוטריט צו די לעצטע טעכנאלאגיע כדי זיי זאלן האבן ערפאלג אינעם קלאסצימער. טעכנאלאגיע טוט זיך כסדר טוישן און עס געפונט זיך אין כמעט יעדע ארט פון אונזערע מאדערנע סביבה. דורך האבן צוטריט צו די לעצטיגע טעכנאלאגיע, וועלן אונזער סטודענטדן האבן די מעגליכקייט צו פארברייטערן וואו און וויאזוי זיי לערנען, בשעת אויך פארמאכן דעם טעכנאלאגיע חילוק אין עדיוקעישאן, א דאנק די סמארט סקולס באנד געזעץ."

אין 2014 האט ניו יארק סטעיט אינוועסטירט 2 ביליאן דאלאר אין אירע סקולס דורך א סמאַרט סקולס באנד געזעץ — אן איניציאטיוו צו פינאנצירן חינוך טעכנאלאגיע און אינפראסטרוקטור, צושטעלנדיג צוטריט פאר שילער צו די לעצטע טעכנאלאגיע און פארבינדונג וואס איז נויטיג צו מצליח זיין און זיך קענען פארמעסטן אין די עקאנאמיע פון די 21'סטע יאר הונדערט. ניו יארקער האבן צוגעשטימט, אזוי ווי די וויילער האבן אויטאריזירט דעם סמאַרט סקולס באנד געזעץ יענעם נאוועמבער.

נאכפאלגנדיג די פארשלאג פון דעם באַנד געזעץ, איז די סמאַרט סקולס קאמיסיע אוועקגעשטעלט געווארן צוזאמצונעמען אינפארמאציע אויף סטראטעגיעס אויף וויאזוי סקולס קענען מערסט-ווירקזאם אינוועסטירן די באַנד געלטער. די ראט קאמיסיע האט רעקאמענדירט א פאקוס אויף פארברייטערן פעסטע בראָודבענד און ווייערלעס באהאפטנקייט און אויסניצן טראנספארמירנדע טעכנאלאגיעס. די פלענער וועלכע זענען היינט באשטעטיגט געווארן דורך די סמאַרט סקולס איבערזיכט באָורד שפיגלען אפ פילע פון די בעסטע סטאנדארטן וועלכע אידענטיפיצירט געווארן דורך די קאמיסיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן